# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתיסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל - בני ברק

# מן הבאר ההוא ישקו העדרים

## פרשת וירא



## כיתה ח׳ (א)

הר״ר יואל גרינוואלד הי״ו

בס"ד

# חידו"ת לפרשת וירא

**מהרי שלש סאים קמח סולת**, די גמרא (בבא מציעא פז.) פרעגט א סתירה, כתיב קמח וכתיב סולת, ענטפערט די גמרא, מכאן שהאשה עיניה צרה באורחים, אז א פרוי איז נישט אזוי מכבד געסט. פרעגן אלע מפרשים אז פון פסוק זעהט מען אז אברהם אבינו האט געזאגט קמח וואס דאס איז וויניגער חשוב, און שרה האט געזאגט סולת וואס דאס איז מער טייער, איז פארוואס זאגט די גמרא אז אשה עיניה צרה באורחים.

**ענטפערט** דער רבי ז"ל בעל דברי יואל מיט דעם וואס איז באקאנט די שאלה פון די פוסקים וואס איז מער חשוב, צי מצוה מן המובחר צי זריזין מקדימין למצוות, למשל א מענטש איז איינגעשפארט אין תפיסה און מען געבעט אים רשות ארויס גיין פון דארט נאר אויף איין טאג, צי זאל ער שוין ארויס גיין כדי צי דאווענען תפלה בציבור, וואס איז נאר א דרבנן, אדער זאל ער ווארטן אויף ראש השנה אדער יו"ט סוכות, וואס זיי זענען מצוות מדאורייתא.

**אבער** ביי די מצוה פון צדקה - זאגט דער רבי - איז זיכער אז מ'זאגט זריזין מקדימין למצוות, אפילו ס'וועט נישט זיין מצוה מן המובחר, אזוי ווי מ'זעהט אין גמרא אין מס' תענית, אז נחום איש גמזו איז געגאנגען אויף די וועג, און ער האט געהאט א לאסט פון דריי חמורים, איז געקומען צו אים א ארימאן און געבעטן ער זאל אים געבן עסן, האט אים נחום איש גמזו געזאגט, ווארט צו ביז איך וועל אראפנעמען די לאסט פון די אייזל, און נאכדעם וועל איך דיר געבן וואס דו דארפסט, אבער ביז ער האט אראפ גענומען די לאסט, איז דער ארימאן געשטארבן. און ס'איז דאך זיכער אז זיין כוונה איז געווען לשם שמים צו מאכן די מצוה מן המובחר, נאר זעהן מיר פון דעם אז ביי צדקה דארף מען זיך צואיילן און געבן גלייך צדקה, אפילו עס וועט נישט זיין מצוה מן המובחר.

**און** מיט דעם קען מען פארשטיין די טעם פארוואס מ'מאכט נישט קיין ברכה אויף מצות צדקה, ווייל חז"ל זאגן "לעולם אל יזרוק אדם ברכה מתוך פיו", נאר מ'זאל מאכן א ברכה שטאַט מיט א רוהיגקייט און ישוב הדעת אז מ'זאל קענען געהעריג אינזין האבן, און ביי מצות צדקה האב איך מורא אפשר וועט דער ארימאן שטארבן צווישן, דעריבער מאכט מען נישט קיין ברכה אויף מצות צדקה.

בס"ד

**מיט** דעם קען מען מסביר זיין דאס וואס חז"ל זאגן אז אברהם האט געזאגט "קמח" אפילו ס'איז נישט די בעסטע מעהל, ווייל מ'דארף זיך נישט פארזוימען עס צו צוגרייטן, און שרה האט געזאגט "סולת" אפילו אז סולת איז בעסערע מעהל אבער וויבאלד ס'נעמט צייט עס צו צוגרייטן און ביי מצות צדקה דארף מען אכטונג געבן זיך נישט צו פארזוימען צופיל צייט, "מכאן שאשה עיניה צרה באורחים", דאס מיינט אין מצות הכנסת אורחים ווייל זי האט זיך נישט צוגעאיילט אזוי שטארק אזוי ווי אברהם אבינו. **(דברי יואל)**

* * *

**מהרי שלש סאים קמח סולת.** בגמ' אי' (בבא מציעא פ"ז.) כתיב קמח וכתיב סולת אמר ר' יצחק מכאן שאשה עיניה צרה באורחים יותר מן האיש, והקושיא ידועה שהרי כאן משמע להיפך שהיא נתנה יותר מאברהם דסולת עדיף מקמח.

**ונל"פ** ע"ד הפשט דלכאורה יש לדקדק על דברי רש"י שמפרש קמח לעמילן של טבחים, וצ"ב הלא דבר זה נצרך להמבשלת לתחבולה כדי לשאוב את הזוהמא, וא"כ מה לו לאברהם בזה וכי ללמדה כיצד מבשלים הוא בא, והנראה לומר אשר שרה אמנו לא היתה רגילה לדקדק על התבשיל שנתבשל לפני האורחים לעשות לה כיסוי של קמח לשאוב הזוהמא, יען כי זה הקמח הולך לאיבוד ואינו דבר נחוץ כ"כ להאורחים, וע"ז קמ"ל קרא דגם ע"ז פקח אברהם את עיניו לצוות ולהזהיר שיקחו ג"כ קמח לעמילן של טבחים, וממילא שמעת מינה דאשה עיניה צרה באורחים, מדהוצרך להזהיר ולהשגיח ע"ז. **(יגל יעקב)**

* * *

**ויבואו שני המלאכים סדומה וכו' והשכמתם והלכתם לדרככם וכו' טרם ישכבון וכו' נסבו וכו'.** צ"ב אם לוט הגיד להמלאכים והשכמתם והלכתם לדרככם, שלא ידע שהם באו לעשות המעשה ההוא בסדום, לא היה להתורה לכתוב דברי טעות שנאמרו מחסרון ידיעתו.

**ונוכל** לומר דאולי כבר שמע לוט מבית אברהם ענין הפיכת סדום, רק לפי שעיקר חטא סדום היה שלא הניחו לבוא לאורח ביניהם ועל פי רוב יתבטל גזירה רעה מהעיר ע"י מעשה טוב שיעשה שם א' מאנשי העיר ומגין על כל העיר, ובאמת כתב באור החיים שלולא המעשה שעשו אנשי העיר טרם ישכבון שבקשו לשלוח יד בהמלאכים עדיין היה אפשר שתתבטל הגזירה והשי"ת הי' מאריך אף ע"ש, לזה אמר להם לוט שיסורו אל ביתו ויקיים הכנסת אורחים והשכמתם והלכתם לדרככם כי לא יעשו עוד שליחותם כי עי"ז תתבטל הגזירה. ומגיד הכתוב שבאמת היה אפשר להיות כך לולא כי טרם ישכבון כו', לכן נעשה מה שנעשה. **(ערבי נחל)**

בס"ד

# וירא אליו ה' באלוני ממרא

דער הייליגער תולדות יעקב יוסף זי"ע האט ערקלערט דעם פסוק מיט א מעשה'לע: עס איז געווען א איד וואס האט געהאט געדונגען די ארענדע ביים פריץ, און א צווייטער איד איז געקומען און געזאגט פאר'ן פריץ אז ער צאלט אים א גרעסערן סכום, און ער זאל עס פארדינגען פאר אים.

דער פריץ האט אים געגעבן א גאנצן פסק "היתכן, דו שעמסט זיך נישט און דו קומסט אוועק נעמען די פרנסה פון דיין אידישן ברודער?", און ער האט דאס אים נישט געוואלט פארדינגען.

דער איד לויפט אוועק פונעם פריץ, און ער גייט באלד צום רב און פרעגט אים א קשיא "מילא, דער יצר הרע קומט צו מיר און רעדט מיך צו אז איך זאל זיין מסיג גבול פארשטייט איך, אבער וואו קומט דער יצר טוב צום פריץ און לאזט אים נישט פארדינגען די ארענדע פאר מיר?!".

זאגט אים דער רב "זאג מיר דעם אמת, ווען איז דיר איינגעפאלן די שלעכטע מחשבה פון השגת גבול?", האט דער איד געענטפערט "אינמיטן די שמונה עשרה".

האט דער רב געזאגט "נו, וואס פארשטייסטו נישט, אויב דער יצר הרע האט די חוצפה צו קומען צו דיר אין בית המדרש אינמיטן די שמונה עשרה, האט דער יצר טוב אויך די חוצפה צו גיין צום פריץ...".

מיט דעם האט דער הייליגער תולדות געטייטשט "וירא אליו ה' באלוני ממרא" עס איז געווען א גילוי שכינה אינעם הויז פון "ממרא", א פשוטער גוי, איי פארוואס טאקע אין א פלאץ פון א גוי? אויף דעם זאגט דער פסוק "והוא" ווייל ער דער יצר הרע, "יושב פתח האהל" ער קומט דאך אריין ביי די פתחי בתי כנסיות ובתי מדרשות וואו אידן זיצן און לערנען און ער רעדט זיי צו צום זינדיגן, ממילא אז דער יצר הרע גייט אין ביהמ"ד, גייט די שכינה הק' אין אלוני ממרא.